**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארלאנג פאר פארשלאגן צו ווידער-אנטוויקלען 'טערמינאל A' אויף באפעלאו'ס 'אָוטער הארבאָר'**

***פראיעקט וועט אריינרעכענען דאס פארקויפן פון שטחים און מערערע געביידעס, אריינגערעכנט איינע פון די גרעסטע בנינים אויף באפעלאו'ס וואסער-ברעג***

***בילד פון דער פראפערטי קען מען געפונען [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן א פארלאנג פאר פארשלאגן צו ווידער-אנטוויקלען די געביידע באקאנט אלס 'טערמינאל A' אויף באפעלאו'ס 'אָוטער הארבאָר', א געביידע פון בערך 550,000-סק. פיס וואס איז געשטאנען ליידיג שוין היפשע יארן. די דאזיגע פארלאנג פרעזענטירט א געלעגנהייט פאר ערפארענע ריעל עסטעיט דעוועלאפער צו איינקויפן און אנטוויקלען דעם הויפט טערמינאל און דריי דערנעבנדע געביידעס צו אן אייגנארטיגע וואסער-ברעג דעסטינאציע, וועלכע געפונט זיך ביי 901 פורמאן בולעווארד. 'ערי קאַנאַל האַרבאָר דעוועלאָפּמענט קאָרפּאָרעישען', א סטעיט ענטיטעט, האט אין געדאנק אז דער פראיעקט קען פאטענציעל אריינרעכענען רעזידענשעל, רעסטוראנטן, אפיס ארט, קולטורעלע אטראקציעס און פארקינג. פארשלאגן מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז 8 נאכמיטאג אום דאנערשטאג, מערץ 30, 2023.

"'טערמינאל A' איז א מאסיווע ליידיגע סטרוקטור וואס האט געוואלדיגע פאטענציעל צו ווערן א דעסטינאציע וועלכע בויט אויף די סוקסעסן פון אנדערע 'אָוטער הארבאָר' פארבעסערונגען," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "יעצט איז די צייט צו אויסצוניצן די געלעגנהייט פון דער דאזיגער אייגנארטיגער און היסטארישער ווערדפולע אייגנשאפט, פונקט ווי עס איז זענען פארגעקומען מיט גרויסע טערמינאלן אין אנדערע וואסער-ברעג שטעט. מיר קוקן ארויס צו זען די שעפערישע פארשלאגן אריינגעגעבן צו טראנספארמירן דער פראפערטי צו א דעסטינאציע וואס וועט צוציען באזוכער צום וואסער'ס ברעג בשעת'ן אויך צושטעלן אן אייגנארטיגער ארט צו וואוינען און בליען."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, CEO, און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** "גאווערנער האוקול'ס וויזיע פאר דאס ווידער-אנטוויקלען פון 'טערמינאל A' רעפרעזענטירט נאך א טריט אין דער דראמאטישער ווידער-אויפלעבונג פון באפעלאו'ס וואסער-ברעג. מיר האבן געזען וויאזוי דער 'אָוטער הארבאָר' איז געווארן א מוז-זען דעסטינאציע, געניסנדיג פון קלוגע אינוועסטירונגען וועלכע האבן נישט בלויז אויפגעטריבן דזשאבס, נאר האבן געשאפן שטאלץ אין אן ארט וואו מענטשן ווילן וואוינען, ארבעטן און באזוכן."

'טערמינאל A' איז א שטאלענע-ראמען, ציגל באדעקטע סטרוקטור וואס איז געבויט געווארן אין 1930-1931. די געביידע באשטייט פון א 'היי-בעי' סטאָרעדזש ארט לענגאויס דער דרום זייט, ערשטער און צווייטער שטאק סטאָרעדזש ארט, און אן אפיס ארט אויף דעם מזרח ענדע פון דער געביידע. די געביידע

איז אויסגעשטעלט געווארן דורך מערקבארע ארכיטעקט אלבערט קאהן פאר דער פארד מאטאר קאמפאני. ׳טערמינאל A׳ איז דעזיגנירט געווארן אלס אן ארטיגע לענדמארק אין 2019. אויך אריינגערעכנט אינעם פארקויף זענען דערנעבנדע אויסהאלטנדע געביידעס באקאנט אלס די אדמיניסטראציע געביידע, פייער פאמפ הויז און בלוי געביידע. די אויסהאלטנדע בנינים באשטייען פון די פאלגענדע:

- אדמיניסטראציע געביידע: 6,700-סק. פיס שטאלענע-פארעם, ציגל באדעקטע סטרוקטור וואס באשטייט פון א גאראדזש און סטאָרעדזש ארט און אפיס פלאץ.
- פייער פאמפ הויז: 370-סק. פיס סטרוקטור.
- בלוי געביידע: 4,300-סק. פיס מעטאלענע פארעם גאראדזש.

די לעיקפראנט פראפערטי רעכנט אריין 1,720-לענגליכע פוס פון שטייעדיגע ים-וואנט און בערך 4.2 אקער-לאנד פון טיפע-וואסער בארטן לענגאויס דעם דרום ברעג.

**׳ערי קאַנאַל האַרבאָר דעוועלאָפּמענט קאָרפּאָרעישען׳ פארזיצער ראבערט גיאיע האט געזאגט,** ״די ווידער-אנטוויקלונג פון ׳טערמינאל A׳ וועט נעמען ׳אָוטער הארבאָר׳ צום קומענדיגן שטאפל אלס אן אין-שטאטישע וואסער-ברעג לאקאציע. דורכ׳ן אויסניצן די אייגנארטיגע ארכיטעקטורעלע אוצר וועלן מיר אויפטרייבן מער באזוכער, צוציען ערשט-מאליגע איינוואוינער און פארמערטע אקטיוויטעטן - אלעס בשעת׳ן פארזיכערן דעם ׳אָוטער הארבאָר׳ אלס גאנץ-יעריגע דעסטינאציע.״

אין 2021, האט די ׳ערי קאַנאַל האַרבאָר דעוועלאָפּמענט קאָרפּאָרעישען׳ (ECHDC) אדאפטירט א 150 מיליאן דאלערדיגער אלגעמיינער פראיעקט פלאן (׳GPP׳) פאר באלד 200-אקער-לאנד פון דעם ׳אָוטער הארבאָר׳. די פאזע 1 פארבעסערונגען, געפונענדיג זיך צפון פונעם אנטוויקלונג ארט, זענען שוין אין שוואנג ביי א קאסט פון 43 מיליאן דאלער. דער GPP קען מען געפונען [דא](#).

ECHDC וועט אנהאלטן אייגנטומערשאפט איף דערנעבנדע שטחים צפון פון 901 פורמאן בולעווארד, אריינגערעכנט דער ׳טערמינאל B׳ קאמפלעקס וואס וועט ווערן אפגעטיילט פון דעם 901 פורמאן שטח. אויף דער מאמענט, ווערט דער ׳טערמינאל B׳ קאמפלעקס איבערגעביטן צו א פובליק צוזאמענקונפט איינריכטונג וואס וועט פארשטעלן צדקה צוועק שפאצירן / פארשטעלונגען, קאנצערטן און קולטורעלע פעסטיוואלן. דער קאמפלעקס וועט באשטייט פון אן אפן-לופטיגע סטעידזש מיט א בארג-אראפ טייל גראזגארטן אין ריכטונג פון דער סטעידזש וואס קען אקאמאדירן ביז צו 8,000 באזוכער. נעבן דעם ׳טערמינאל B׳ קאמפלעקס איז דער לעיקסייד בייק פארק וועלכע איז געעפנט געווארן אין 2019. דער דאזיגער פובליק ביציקל פארק רעכנט אריין דריי אין-שטאטישע מאונטען ביציקל קורסן, א פעאיגקייט קורס און א פאמפ וועגל. דער ׳גרעיט לאן׳, אן אפענער שטח פון מער ווי 3 אקער-לאנד וואס איז פאסיג פאר פארשידענע ערליי פאסיווע אקטיוויטעטן, געפונט זיך צווישן דעם ביציקל פארק און ׳טערמינאל B׳. יעדע פון די דאזיגע עלעמענטן זענען באהאפטן מיט טיילן פון דעם גרינוועי טרעיל און פוסגייער-וועגלעך.

ווייטער צו צפון לענגאויס פורמאן בולעווארד זענען עטליכע אנדערע פאסיווע פארוויילונג ערטער וועלכע זענען אוטער דער אייגנטום און ווערן קאנטראלירט דורך ECHDC. זיי זענען ׳בעל סליפ׳, ׳ווילקסאן פוינט׳ און ׳פירסט באפעלאו ריווער מערינע׳. ׳בעל סליפ׳ געפונט זיך ביים מיטלפונקט פון דער ECHDC פראפערטי. אדאנק צו א צוואג פון פובליק פינאנצירונג וואס גאווערנער האוקול האט אנגעפירט און געמאלדן [אין אוגוסט](#), וועט קאנסטרוקציע זיך אנהייבן אין 2023 ביי דעם דאזיגן ארט צו פארבעסערן באזוכער פארקינג, פארבעסערן פוסגייער וועגלעך באהעפטונגען, צושטעלן אן אויסבליק פלאטפארמע ביים עק פון ׳בעל סליפ׳ און אויפבויען א פובליק וואשצימער געביידע. פלענער ווערן אויסגעשטעלט צו

פארבעסערן גי איינריכטונגען אנגעבאטן ביי ׳ווילקאן פוינט׳.  אין 2024, וועט קאנסטרוקציע זיך אנהייבן אויפֿא נייע געביידע וואס וועט אנבאטן עסנווארג און געטראנקען, ווי אויך וואשצימערן.  די געביידע וועט האבן א ביעטש זיץ ארט און וועט זיך געפונען נעבן די פארוויילונג ערטער.  דער פארקינג לאט ביי ׳ווילקסאן פוינט׳ וועט אויך פארבעסערט ווערן כדי עס זאל נישט שטערן די ביציקל וועגלעך.  ׳פירסט באפעלאו ריווער מערינע׳ האט מער ווי 100 שיף ׳סליפס׳ פאר פערזענליכע פארוויילונג און וואסער צוטריט.

כאטש נישט גלייך דערנעבן, געפונען זיך די ׳באפעלאו הארבאר סטעיט פארק׳ און ׳סאן לייף מערינע׳ ממש דרום פונעם אנטוויקלונג ארט.  די מערינע האט 1,000+ שיף ׳סליפס׳ און האט געזען באלד 35 מיליאן דאלער און פובליק און פריוואטע אינוועסטירונג איבער די לעצטע פינף יאר.

דער פולער RFP איז צו געפונען [דא](#) *(צום באמערקן: א בחינם׳דיגע אקאונט איז פארלאנגט אויף דעם ניו יארק קאנטראקט רעפּאָרטער וועבזייטל צו דאונלאד׳ען דעם RFP)*, און פארשלאגן מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז 8 נאכמיטאג אום דאנערשטאג, מערץ 30, 2023. א בעפאר-אריינגעבן זיצונג און ארט באזוך וועט געהאלטן ווערן 1 נאכמיטאג, דאנערשטאג, דעצעמבער 15, ביי די ECHDC אפיסעס ביי 95 פערי סטריט אין באפעלאו. ענטפערער צו דעם RFP קענען פארשלאגן סיי וואספארא געמיש פון באניץ וואס וועלן פאראויס-פירן די אנטוויקלונג צילן און נאכקומען אלע דעוועלאפמענט פאדערונגען ערקלערט אין דעם RFP.

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״ היינט זיצט ׳טערמינאל A׳ ליידיג, נאכגעלאזטע פארבלייבענישן פון באפעלאו׳ס אינדוסטריעלע פארגאנגענהייט. דער פראצעס פון צוריקקערן דעם דאזיגן היסטארישן סטרוקטור צו פריוואטע אייגנטימערשאפט איז נויטיג כדי צו גורם זיין פעדעראלע היסטארישע שטייער קרעדיטס וואס שטיצט דער אפהיטונג און טראנספארמאציע פון דער דאזיגער היסטארישער אייגנשאפט אלס א נייע, דערהייטערנדע דעסטינאציע וואס בויט ווייטער אויף אונזער אנגייענדע וואסער-ברעג פארשריט. פעדעראלע היסטארישע שטייער קרעדיטס, וועלכע וועט זיין 20 פראצענט פון טאטאלע ווידער-אנטוויקלונג קאסטן, זענען געווען א הויפט אונטערצינד-כוח פאר דער ווידער-אנטוויקלונג פון דאונטאון באפעלאו, אונטערצינדנדיג בערך 1 ביליאן דאלער אין אנטוויקלונג אקטיוויטעטן אין דער ראיאן.״

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** ״דער RFP פאר דער ווידער-אנטוויקלונג פון ׳טערמינאל A׳ פרעזענטירט א זעלטענע געלעגנהייט פאר די וועלכע זוכן צו בויען אויף די סוקסעסן פון באפעלאו׳ס ווידער-אויפגעלעבטע וואסער-ברעג. גאווערנאר און ניו יארק סטעיט האבן פארגעזעצט צו שטעלן אלס הויפט ציל דער פארבעסערונג פון דעם ׳אָוטער הארבאָר׳ און ׳קאַנאַלסייד׳ף און דער דאזיגער פראיעקט וועט בלויז פארשטערקערן דעם מאמענטום און אינוועסטירונג וואס מיר האבן געזען ביז אהער.״

**באפעלאו סיטי מעיאר בייראן וו. בראון,** ״די טראנספארמאציע פון וועט צולייגן צו דעם פארשריט וואס מיר האבן געמאכט במשך די יארן אנטוויקלענדיג די ׳אָוטער הארבאָר׳ און די ׳קאַנאַלסייד׳ געגנטער. דער ׳אָוטער הארבאָר׳ איז געווארן א דעסטינאציע, נישט בלויז פאר איינוואוינער פון דער געגנט, נאר פאר די וועלכע באזוכן אונזער וואונדערבארע שטאט. איך וויל דאנקען גאווערנאר האוקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אונזער שטאט."

**איבער ערי קאנאל האַרבאָר אנטוויקלונג קארפאראַישען**

דער ערי קאנאל האַרבאָר אנטוויקלונג קארפאראַישען (ECHDC) ווערט געפירט דורך א ניין-מיטגלידערדיגע באָורד וואס באשטייט פון זיבן שטימער דירעקטארס און צוויי נישט-שטימענדע, עקס-אפיסיא דירעקטארס. די זיבן שטימער דירעקטארס ווערן רעקאמענדירט דורך דער ניו יארק סטעיט גאווערנער און באשטימט דורך דער ניו יארק סטעיט אינער-שטאטישע אנטוויקלונג קארפארעישען d/b/a ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ אלס איינציגער שעירהאלטער פון ECHDC. די צוויי נישט-שטימענדע,

עקס-אָפּיסיאָ דירעקטאר פאזיציעס ווערן געהאלטן דורך דער ערי קאונטי עקזעקיוטיוו און דער מעיאר פון דער שטאט באפעלאו.

אלס אן אפטיילונג פון ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, דער סטעיט׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, טוט דער ערי קאנאל האַרבּאָר אנטוויקלונג קארפארעישען שטיצן און הייבן דאס שאפן פון אינפראסטרוקטור און פובליק אקטיוויטעטן ביי קאנאלסייד, דער אָהייאָו סטריט קארידאר און די ׳אָוטער הארבאָר׳ וועלכע ציען באדייטנדע מאסן, פריוואטע אינוועסטירונג און פארבעסערן די פארגעניגן פון די וואסער-ברעג פאר איינוואוינער און טוריסטן אין מערב ניו יארק. איר בליק איז צו ווידער-אויפלעבן מערב ניו יארק׳ס וואסער-ברעג און איפריכטן עקאנאמישע וואוקס צו באפעלאו באזירט אויף דער ראיאן׳ס לעגאט פון שטאלץ, אינער-שטאטישע באדייט און נאטורליכע שיינקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418